STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02183

DI ANTDEKUNG FUNM DOREM-POLUS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוגנט-ביבליאטעק „חבר"

די אנטדעקונג פונם דרום-פּאָלוס

אידיש — פ. הירשבײן

[redacted]

פאַרלאַג
[illegible]
ווילנע

1924

Di antdekung [illegible]

די אנטדעקונג פונם דרום־פּאָלוס.

דעם 16־טן דעצעמבער 1911 יאָר האָט דער נאָרוועגישער געלערנטער אַ מ ו נ ד ס ע ן מיט נאָך פיר זיינע חברים אויף 52 הינט דערגרייכט דעם דרומ־דיקן פּאָלוס. אויפן וועג צום פּאָלוס האָט ער געמאַכט אַ סך אויספאָרשונגען און אַנטפּלעקונגען.

הגם ביז דעמאָלט זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרובן צו געפינען דעם דרומדיקן פּאָלוס — אָבער קיינע פון זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן. אין 1909 יאָר האָט זיך דעם ענגלענדער ש ע ק ל ט אָ ן איינגעגעבן צו דערגרייכן ביז 88°23′ פון דער דרומדיקער ברייט. ווייטער איז ביז אַ מ ו נ ד ס ע נ ע ן קיינער ניט דערגאַנגען.

אַמונדסען מיט זיינע חברים איז געפאָרן אויף דעמזעלביקן וועג, וואָס שעקלטאָן. נאָר ער האָט געהאַט מער מזל.

מיר וועלן דאָ אין קורצן באַשרייבן שעקלטאָנס נסיעה. דעם ערשטן יאַנואַר 1908 איז שעקלטאָן אויפן שיף „נימרוד“ אַרויסגעפאָרן פונם פּאָרט ליטלטאַן (אין ניי־זעלאַנד). צו דער נסיעה האָט ער זיך זייער לאַנג געגרייט.

זיי עקספּעדיציע איז באַשטאַנען פון 15 מאַן, עטלעכע פּאָניס (אַזאַ מין פערד), וואָס טראָגן לייכט איבער קעלט און עטלעכע צענדליק הינט. זיי האָבן אויך מיטגענומען אַן אַווטאָמאָביל, האָפנדיק אַז ער קען זיי שפּעטער צו ניץ קומען.

אין אַ משך פון 12 טעג נאָכן אַרויספאָרן האָט אויפן ים געהערשט אַ שטורים, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט סיי די מענטשן, סיי די בעלי־חיים. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די טעמפּעראַטור גענומען פאַלן און ס'האָט זיך באַוויזן אייז. לכתחילה זיינען דאָס געווען באַזונדערע שטיקער (קריעס), צווישן וועלכע די שיף פלעגט מיט גרויס מי דורכלאַווירן, אָבער אינגיכן האָט זיך באַוויזן „דער גרויסער באַריער" — אַ כּסדרדיקער אייזפעלד 40—50 מעטער די הייך איבערן וואַסערשפּיגל.

די גאַנצע צווייטע העלפט פון דעם חודש יאַנואַר איז ביי זיי אַוועק אויף צו געפינען אַ באַקוועמען אָרט, וואו איבערצווינטערן. אינגיכן האָבן זיי צו דעם צוועק אויסגעקליבן אַ קליינעם טאָל, וואָס איז באַשיצט פון די ווינטן דורך די אַרומיקע היגלען.

נאָך פון שיף האָבן זיי זיך אָנגעמערקט אַן אָרט, וואו ס'איז באַקוועם אויסצולאָדן די משא. די דאָזיקע אַרבעט איז זיי געווען שווער און האָט ביי זיי אָפּגענומען אַ סך צייט. נאָכן אויסלאָדן איז די שיף „נימרוד" אַוועק צוריק און די רייזנדע האָבן זיך גענומען צוגרייטן ווינטערדיקע דירות. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ באַראַק, און אָט אין דעם באַראַק האָבן זיי זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט, הגם דאָרטן איז געווען אַ ביסל ענגלעך. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ מין אָבסערוואַטאָריע (אַן אַנשטאַלט, פון וועלכן מען מאַכט באַאָבאַכטונגען איבער די ערשיינונגען אויפן הימל: איבער די שטערן, לבנה א. אַז. וו.) און האָבן זיך די גאַנצע צייט, ביז וואַנען ס'איז אָנגעקומען די פּאָלאַרע נאַכט, פאַרנומען מיטן אויספאָרשן די אַרומיקע געגנט. זיי האָבן אויך געמאַכט אַן עקספּעדיציע אויפן שכנישן באַרג ערעבוס, און זיי האָבן געמאַכט אַ סך וויכ־טיקע אַנטדעקונגען. די פּאָלאַרע נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין באַאָבאַכטונגען איבער דער דרום־שיין און אין אַנדערע וויסנשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, און פאַרשיידענע פאַרוויילונגען און זיי האָבן זיך גאָרניט אַרומגעזען, ווי די דאָזיקע 6־חדשימדיקע נאַכט איז אַוועק.

ווי נאָר ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון טאָג, האָבן זיך די רייזנדע גענומען קלייבן אין וועג אַריין צום דרומדיקן פּאָלוס. אַפריער האָבן זיי געמאַכט עטלעכע צוגרייטונגס־רייזעס און האָבן אויפן וועג איינגעאָרדנט עטלעכע פּונקטן, וואו זיי האָבן אָפּגעלייגט זייערע זאַפּאַסן שפּייז און מכשירים. דער אמתער אַרויספאָר איז געמאַכט געוואָרן דעם 23־טן אָקטאָבער. אין דער עקספּעדיציע האָבן גענומען אָנטייל 4 מאַן: שעקלטאָן און זיינע דריי חברים. זיי האָבן גענומען מיט זיך 2 שליטנס מיט משא און 4 פּאָניס. דעם אַווטאָמאָביל האָבן זיי געמוזט לאָזן אויפן וועג, ווייל דער וועג איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו דער אַווטאָמאָביל־באַוועגונג. די רייזנדע האָבן מיטגעהאַט מיט זיך שפּייז פאַר זיך מיט די פערד אויף 91 טעג און אויך די נייטיקסטע זאַכן.

זייערע מלבושים זיינען געווען פון אַ לייכטן פעסטן שטאָף „בערבערי״, פון יעגער־קאַפּטלען און פעלצענע שיך. זייערע בגדים זיינען געווען גרינגע, כּדי זיי זאָלן זיך קענען גיך באַוועגן, נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען געווען צו לייכט צו באַשיצן זיי פון די פּאָלאַרע קעלטן

דאָס וועטער איז געווען שלעכט, ס׳האָבן געהערשט שניי־שטורימס, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן שעקלטאָנען אויף עטלעכע טעג. ער איז געווען געצוואונגען אויפצושטעלן אַ געצעלט און איבערוואַרטן דעם שלעכטן וועטער. דער וועג האָט זיך אַלע ווײַלע געענדערט, דאָ איז דער שניי געווען ווייך און שיטעווידיק און די רייזנדע פלעגן אַרײַנזינקען אין אים טיף, דאָ איז ער געווען האַרט און גליטשיק. אָפט פלעגט מען זיך אָנשטויסן אויף האַרטע בערגלעך אונטערן שניי, און די פערד פלעגן אָן זיי צעשניידן די פיס.

אָבער געפערלעכער פון אַלץ זיינען געווען די טיפע שפּאַלטן. אָפט זיי־נען זיי געווען באַדעקט מיט אַ דינער שיכט שניי, און ס׳איז געווען אוממעגלעך צו באַמערקן די סכּנה, און אי די מענטשן, אי די פערד פלעגן אין זיי אַרײַנ־פאַלן. איין פערד איז טאַקע אַזוי אומגעקומען אין אַ שפּאַלט: ס׳איז געווען אוממעגלעך אים אַרויסצוציען פון דאָרטן.

וואָס ווייטער די רייזנדע זיינען געגאַנגען, אַלץ נידעריקער איז געפאַלן די טעמפּעראַטור און אַלץ שווערער איז געווען צו גיין. די פּנימער, די בערד, די האָר אויפן קאָפּ — אַלץ איז געווען באַדעקט מיט אַ שיכט אייז.

דעם 22־סטן נאָוועמבער האָבן די רייזנדע פּלוצלונג באַמערקט אויף דרום אַ נייעם באַרג־קייט, וואָס האָט זיך וואָס ווייטער געצויגן אַלץ בולטער. די רייזנדע זיינען שוין פאַרבײַגעגאַנגען זייערע סקלאַדן, וואָס זיי האָבן אײַנ־געאָרדנט בעת די צוגרייטונגס־עקסקורסיעס. כּדי ס׳זאָל זיי זיין גרינגער צו געפינען דעם וועג צוריק, האָבן זיי זיך געמאַכט סימנים: זיי האָבן יעדע 11 קילאָמעטער צונויפגעשאָטן שנייהיגלען פון עטלעכע מעטער די הייך.

דעם 26־טן נאָוועמבער האָבן זיי דערגרייכט בוז 82°18′ פון דער דרום־דיקער ברייט, ד. ה. דעם לעצטן פּונקט, וועלכן ס׳האָט ביז איצט דערגרייכט אַ מענטש. די פערד האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן די כּוחות און זיינען געפאַלן איינער נאָכן אַנדערן. אָבער די מענטשן האָבן זיך געפילט גוט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן איצט געמוזט אַליין פירן זייער משא. זיי האָבן ווייטער גע־מאַכט זייערע באַאָבאַכטונגען און האָבן אָנגעצייכנט אויף דער קאַרטע די נייע שטיקער ערד, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט.

זיי זיינען געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער צו די בערג. און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויפשטייגן. דאָס איז געווען שרעקלעך שווער. יעדע מינוט האָבן זיי געקענט אַראָפּפאַלן אין די טיפע אָפּ־גרונטן, אָדער ווערן פאַרשאָטן מיט די שטיינער, וואָס האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגעריסן פון די שכנישע בערג. זיי זיינען געוואָרן אָפּגעשוואַכט פון דער שווערער אַרבעט און פון ניט דערעסן, ווייל זיי האָבן געמוזט זען שפּאָרן

זיי׳ער שפּייז. ס׳איז זיי אויסגעקומען צו קריכן אויף אַ שטיילן אַייזבאַרג. זיי פלעגן כסדר פאַלן, זיך קאַלעטשן און צעשניידן די גלידער אָן דעם שאַרפן אייז. די טעמפּעראַטור איז געווען אַזאַ נידעריקע, אַז כסדר פלעגט עמיצער פון זיי אָפּפרירן דאָ די אויערן, דאָ די פינגער פון די פיס און פון די הענט. פאַר דער גאַנ־צער צייט פון דער רייזע האָבן זיך די רייזנדע נאָר איינמאָל — אויף קאַלייד — ערלויבט זאַט אָפּצועסן. אַזוי האָט זיי די גאַנצע צייט גע־נאָגט דער הונגער. אין יענער צייט האָבן די רייזנדע דערגרייכט די גרעסטע הייך — 300 מעטער. דאַן האָבן זיי גענומען פילן סימנים פון דער באַרגקראַנקייט: זיי האָבן גענומען ליידן אויף קאָפּווייטאָק, ס׳איז זיי אָפּט געגאַנגען בלוט פון נאָז. בלויז די וואונדערלעכע פּאַ־נאָראַמע צווישן די בערג, וואָס פלעגט זיך אַנטפּלעקן פאַר זייערע אויגן, און די האָפנונג, אַז באַלד וועט זיך דאָס שווערע אַרויפ־שטייגן ענדיקן, האָט זיי צוגע־געבן מוט און כח.

שעקלטאָן מיט זיינע מיטפאָרער שלעפן אַרויף דעם שליטן אויף אַ הויכן אייזבערגל.

באַלד האָבן זיי דערזען דאָס הויכלאַנד — אַ גרויסן שנייאיקן פליין מיט אַ ריי הייכע טעראַסן. אָבער דאָס איז אַ קנאַפּע ישועה; זייערע זאַפּאַסן ענדיקן זיך, די כוחות גייען אויס, די טעמפּעראַטור פאַלט כסדר און דערגרייכט שוין ביז 40°—. דער אייזיקער ווינט נעמט דורך ביז אין ביין אַריין, די דינע און לייכטע בגדים וואַרימען ניט.

גיין ווייטער איז אינגאַנצן אוממעגלעך. דעם 9־טן יאַנואַר 9־אַ זייגער אינדערפרי מאַכן די אויסגעמאַטערטע רייזנדע די לעצטע אָנשטרענגונג. זיי לויפן צו צום לעצטן פונקט — צום 88°23׳ פון דער דרומדיקער ברייט; דאָ שטעלן זיי אַוויס די ענגלישע פאָן, לייגן אַוועק די הערבן און די דאָקומענטן, און נאָך אַ מינוט שטיין קערן זיי זיך אום און לאָזן זיך גיין צוריק. ביזן פּאָלוס איז געבליבן בלויז 170 קילאָמעטער. אָבער דערגרייכן אים האָבן זיי ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט. אין 2½ חודש אַרום זיינען זיי בשלום אָנגע־קומען צו די ברעגעס פון ניי זעלאַנד. וואו מע האָט זיי באַגעגנט מיט גרויס כבוד און פרייד.

דער נאָרוועגיער אַמונדסען איז געווען גליקלעכער פּאַר שעקלטאָנען. דעם 16=טן דעצעמבער האָט ער בּשלום דערגרייכט דעם דרומדיקן פּאָלוס, דערבּיי איז זיין גאַנצע רייזע דורכגעגאַנגען אַ סך גרינגער, ווי שעקלטאָנס.

זומער 1910 יאָר איז אַמונדסען מיט דער שיף „פראַם“ אַרויסגעפאָרן פון דרום=אַמעריקע. ער איז אַרויסגעפאָרן מיט דעמזעלבן „פראַם“, אויף וועלכן דער נאָרוועגישער פ ר י ט י אָ ף נ אַ נ ס ע ן האָט געמאַכט זיין באַרימטע רייזע צום צפונדיקן פּאָלוס. אין יענער צייט זיינען שוין אויפן וועג צום דרום=פּאָלוס געווען עטלעכע עקספּעדיציעס: אַן ענגלישע, אונטער דער אָנפירונג פון סקאָטט, אַן עסטרייכישע און אַ יאַפּאָנישע. בּיים 78^0 פון דער דרומדיקער בּרייט האָט אַמונדסען מיט זיינע באַגלייטער פאַרלאָזן די שיף און האָט זיך גענומען גרייטן איבערצווינטערן אין דער „וועלפיש=בּוכטע“, אין אַ הייזל, וואָס איז געווען גאַנץ גוט איינגעאָרדנט. אין אָט דער צייט האָט אַמונדסען, פּונקט, ווי שעקלטאָן, געמאַכט אַ סך אינטערעסאַנטע אויספאָרשונגען און האָט באַאָבּאַכט דעם דרום=שיין.

אַמונדסען האָט געהאַט מער ווי הונדערט גוטע עסקימאָסישע הינט. די דאָזיקע הינט זיינען מער ווי אַלע אַנדערע חיות צוגעפּאַסט צו אַזוינע סאָרטרייזעס. זיי טראָגן זייער גוט אַריבּער דעם קאַלטן פּאָלאַרן קלימאַט, און מע האָט גאַנץ ווייניק אַרבּעט אַרום זיי. זיי זיינען געוויינט צו קעלט, נעכטיקן אָפט פּשוט אין שניי, עסן וואָס עס מאַכט זיך, אַפילו דאָס פליש פון זייערע געפאַלענע חברים.

אַמונדסען אין זיינע פעלצקליידער און שליטנשיך.

אַמונדסען און זיינע חברים זיינען געווען אָנגעטאָן אין וואַרימע פעלצקליידער. אַזוי ווי אַלע נאָרוועגיער, זיינען זיי פון קינדווייז אָן געווען באַקאָנט מיט שליטנשיך און האָבּן זיך גאַנץ פריי באַוועגט איבּער די שניי=פעלדער און טעגלעך דורכגעגאַנגען גרויסע שטרעקעס. אַחוץ דעם, האָבּן אַ סך אָנטיילנעמער פון אַמונדסעס עקספּעדיציע שוין פריער גענומען אַן אָנטייל אין פאַרשיידענע פּאָלאַרע עקספּעדיציעס, דעריבּער זיינען זיי שוין געווען אַ בּיסל צוגעוויינט צו די שוועריקייטן, וואָס זיי איז אויסגעקומען אַריבּערצוטראָגן. זייהאָבּן אויך זייער גוט געוואוסט.

ווי זיך צו באַגיין מיט די הינט, ווי צו פירן זיי אין שפּאַן. דאָס האָבן זיי אויסגעלערנט די עסקימאָסן אויף זייערע פריערדיקע רייזעס צום צפון־פּאָלוס.

אין פעברואַר 1911 י. איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צוגרייטונגס־רייזע אויף דרום, צום פּאָלוס, אין וועלכער ס׳האָבן גענומען אָנטייל 8 מענטשן מיט 110 הינט. אויפן וועג האָט מען אויסגעפּאָרשט דעם באָדן און מע האָט אין געוויסע ערטער, וואָס זיינען געווען אויף אַ באַשטימטן מהלך איינע פון די אַנדערע, אָפּגעלייגט זאַפּאַסן שפּייז, כּדי מע זאָל האָבן וואָס צו עסן בעת מע וועט גיין צוריק פון דער רייזע צום דרום־פּאָלוס.

אין אָקטאָבער אין דעמזעלביקן יאָר האָט זיך שוין אַמונדסען געלאָזט דירעקט צום פּאָלוס. איצט איז די עקספּעדיציע באַשטאַנען פון 5 מענטשן אויף 9 שליטנס אײַנגעשפּאַנט מיט 52 הינט. דעם מאָל איז די נאַטור אונזערע רייזנדע געקומען צו הילף: ס׳האָט געהערשט דער כסדרדיקער פּאָלאַרער טאָג, און די זון האָט העל געשיינט כמעט די גאַנצע צייט פון דער רייזע. די עקס־פּעדיציע איז געגאַנגען פּאָראויס גאַנץ גיך, מאַכנדיק לערך 25 קילאָמעטער אַ טאָג. זיי זיינען געגאַנגען אויף דעמזעלביקן וועג, וואָס שעקלטאָן. דעם 9 נאָוועמ־בער האָבן זיי דערגרייכט „די ערד וויקטאָריע" און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי דערזען די בערגקייט, וואָס שעקלטאָן האָט אַנטדעקט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערסטער טייל פון רייזע — דאָס אַרויפשטייגן אויף די אייזבערג. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט געפערלעכע גלעטשערס, האָבן גע־טראָפן שניי־שטורימס, וואָס האָבן געשטערט צו גיין ווייטער. נאָר אינגיכן איז דאָס שלעכטע וועטער פאַרביי. דאַן זיינען זיי אָנגעקומען צום הויכלאַנד — דאָס איז אַן אומגעהייער גרויסער אייזיקער שטח, איבער וועלכן ס׳איז געווען אַ סך גרינגער צו גיין, ווי איבער די בערג. אין משך פון דריי טעג זיינען זיי געגאַנגען איבער אַ גלייכן אייזיקן שטח, און דאָס אַייז האָט אונטער זייערע פיס אָפּגעקלונגען, פּונקט ווי אונטער אים וואָלט געווען אַ ליידיקער רוים.

דעם 8 דעצעמבער איז די עקספּעדיציע בשלום פאַרבייגעגאַנגען דעם 88° אין דעם פּונקט, וואָס שעקלטאָן האָט דערגרייכט. ווייטער איז שוין געווען גאָר גרינג צו גיין: דאָס וועטער איז געווען שיין, די שטימונג פון די רייזנדע איז געווען אַ מונטערע, און זיי זיינען פלינק געגאַנגען אַלץ ווייטער פאָראויס. דער 14־טן דעצעמבער האָט זיך די עקספּעדיציע אָפּגעשטעלט, מיינענדיק, אַז זי האָט דערגרייכט דעם פּאָלוס. נאָר דאָס איז געווען אַ טעות. לויט גענויע אויס־פאָרשונגען מיט באַזונדערע אינסטרומענטן האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז זיי שטייען אויפן 89°55′ און ביזן פּאָלוס איז נאָך געבליבן צו מאַכן 9 קילאָמעטער.

דעם 16 דעצעמבער איז דער דאָזיקער מהלך געווען דורכגעגאַנגען און די רייזנדע האָבן דערגרייכט דעם דרום־פּאָלוס. ס׳איז געווען גאָר שטיל. די זון האָט העל געלויכטן. דער דרום־פּאָלוס ליגט אויף אַ גרויסן הויכלאַנד אין אייביקן שניי. אַמונדסען האָט דאָס דאָזיקע הויכלאַנד אָנגערופן מיטן נאָמען פונם נאָרוועגישן קיניג האַאַקאָן. דאָ האָבן די רייזנדע אויפגעשטעלט

די נאָרוועגישע פאָן און האָבן אויסגעבויט אַ געצעלט, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן — „דאָס פּאָלאַרע הויז“.

די רייזנדע האָבן זיך ביים פּאָלוס אָפּגערוט דריי טעג, דערנאָך האָבן זיי מיט פרייליכע הערצער גענומען גיין צוריק און אין 38 טעג אַרום זיינען

אַמונדסען און זיין חבר פאָרשן אויס, צי זיי האָבן דערגרייכט דעם דרום-פּאָלוס.

זיי בשלום אָנגעקומען צו זייער ווינטער-סטאַנציע. אָבער פון די 52 הינט זיינען געבליבן לעבן בלויז 11, וואָס זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין אַ שליטן.

אַ סך שוועריגישן און מניעות האָט אַמונדסען באַגעגנט אויפן וועג: טיפע תהומען, שיטערע לופט אויף די בערג, שניישטורימס און קעלט. נאָר דאָך האָט ער מיט זיינע לייט, אַדאַנק דעם לערך גוטן וועטער, די וואַרימע קליידונג און וואָס ער איז פון די פריערדיקע רייזעס שוין געווען באַקאַנט מיט די שווערע באַדינגונגען פון די פּאָלאַר-לענדער, געליטן ניט אַזוי שטאַרק, ווי די, וואָס זיינען פריער געפאָרן צום דרום-פּאָלוס. שעקלטאָנס עקספּעדיציע איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זי איז געווען געצוואונגען זיך אומצוקערן אויף אַ קורצן מהלך פון דעם פּאָלוס. דעמדאָזיקן מהלך איז אַמונדסען דורכגעגאַנגען זייער גרינג און גיך. אויפן וועג האָט אַמונדסען פאָטאָגראַפירט אַ סך ערטער. אויף איין פאָטאָגראַפיע איז זיין אייגן בילד, ווי ער גייט אין די שליטנשיך און זיינע פעלצענע מלבושים.

אַחוץ דער אַנטדעקונג פון דעם דרום-פּאָלוס, האָט אַמונדסענס עקספּע-

דיציע געמאַכט נאָך אַ סך אַנטדעקונגען און אויספאָרשונגען: זי האָט האָט באַ־מערקט אַ בערגקייט, וואָס פאַראייניקט די ערד פונם קיניג עדוואַרד מיט דעם דרומדיקן טייל פון דער ערד וויקטאָריע (דידאָזיקע קייט האָט ער אָנגערופן „די בערג פון דער קיניגין מאָד״), זי האָט אויך באַשטימט דעם כאַראַקטער פונם גרויסן באַריער ראָססאַ און האָט אין אַ סך פרטים דערפילט און דער־קלערט שעקלטאָנס באַאָבאַכטונגען.

אין דער קומענדיקער צייט וועלן מיר זיך מסתמא דערוויסן וועגן אַ סך פרטים פון דערדאָזיקער אינטערעסאַנטער אָבער געפערלעכער עקספּעדיציע.



קאטאלאג פון "נייע יידישע פאלקסשול" פארלאג

לערנביכער

רעכנביכער פון ש. באסטאמסקי

1. [illegible]
2. ארימעטישער רעכנבוך [illegible]
3. ארימעטישער רעכנבוך [illegible]
4. ארימעטישער רעכנבוך (פלערליי צאלן)
5. ארימעטישער רעכנבוך (בראכצאלן)

לערנביכער און [illegible]

פון ש. באסטאמסקי [illegible]

6. לעבעדיקע קלאנגען [illegible]
7. לעבעדיקע קלאנגען [illegible]
8. לעבעדיקע קלאנגען [illegible]
9. לעבעדיקע קלאנגען [illegible]
10. [illegible]

ביבליאטעק פאר יונגערע קינדער

פון ש. באסטאמסקי

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible] מתנות
5. [illegible]
6. דער בערס און [illegible]
7. [illegible]
8. די אמתע כלה
9. [illegible]
10. [illegible]
11. [illegible]
12. [illegible] און [illegible]
13. [illegible]
14. א מעשה [illegible]
15. [illegible]

ביבליאטעק פאר עלטערע קינדער

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]
5. [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible]
8. [illegible]
9. [illegible]
10. [illegible]
11. [illegible]
12. [illegible]
13. [illegible]
14. [illegible]
15. [illegible]

מאטעריאלן און [illegible] יידישן פאלק

[illegible]